Gmail

A D <avrumid@gmail.com>

# Fwd: אברהם יצחק ישראל

2 messages

**Michael Goldman** <michaelgoldman389@gmail.com>
To: "avrumid@gmail.com" <avrumid@gmail.com>

Thu, May 14, 2026 at 10:44 AM

---------- Forwarded message ---------
De: **Samuel Fuchs** <sam@hakosev.com>
Date: jue, 20 nov 2025, 12:33 a. m.
Subject: Re: אברהם יצחק ישראל
To: Michael Goldman <michaelgoldman389@gmail.com>

הצלחה וכל טוב סלה.

On Wed, Nov 19, 2025 at 6:57 PM Michael Goldman <michaelgoldman389@gmail.com> wrote:

> א גרויסן ישר כח פארן דאס מיר שרייבן
> איך האב עס אויך איבער געגעבן פאר אברהם דינקל, (נישט געשיקט די אימעיל)
> נישט געענטפערט ביז יעצט איר ווייסט אז די לעצטע טאג צוויי געווען פארנומען מיט מצוות
> אסאך הצלחה און ברכה
>
> El lun, 17 nov 2025, 8:14 p. m., Samuel Fuchs <sam@hakosev.com> escribió:
>
>> שלום וברכה.
>>
>> איך האב יעצט געהאט א לאנגע שמועס מיט אברהם יצחק ישראל.
>>
>> ער האלט גארנישט מיט און ער ווייסט נישט פונקטליך וואס עס טוט זיך (ס'איז נכרים דברי אמת, צוליב פארשידענע סיבות ואכמ"ל). ווען איך האב אים געזאגט וועגן די געלט, האט ער געזאגט אז ער ווייסט נישט דערפון, און ער גלויבט אז זיין טאטע וואלט דאס אים מיטגעטיילט, וויבאלד ער האט נישט קיינעם אויף די וועלט מיט וועמען צו רעדן, און ער שמועסט דורך מיט אים אלע זיינע פריוואטע זאכן (א זאך וואס עס שטערט אים זייער שטארק, אגב).
>>
>> לגופו של ענין זאגט ער מיר, וז"ל: "איך דארף נישט אזעלכע געלט... אויב איך באקום עפעס געלט פון דעם, שיק איך עס גלייך צוריק". ער זאגט אז אויך אברהם דינקל איז ער בכלל נישט אויפגערעגט און די גאנצע עדות איז בלויז געווען געצווינגען דורך בלום, און ער האט קיין ברירה נישט געהאט. ער האט גארנישט קעגן אברהם דינקל.  אויף דיר, טענה'ט ער, אז ער האט יא תערומות, אבער נישט אויף אזוי ווייט, אז ער זאל וועלן ארויסשלעפן געלט וכו'... און טאמער ער באקומט עפעס געלט דערפון, וועט ער זיך שעמען צו באקומען געלט אויף אזא אופן. ער שיקט עס גלייך צוריק.
>>
>> בכל-אופן, ווייסט ער דערווייל נישט פון קיין געלט צו זאגן, קיינער האט נישט גערעדט צו אים דערוועגן. ער טענה'ט אז אויב איז דא א רעדע פון געלט, וועט עס יואל יהושע העשיל לייגן א האנט דערויף באיזה אופן. בקיצור, מצדו וויל ער נישט האבן קיין געלט אויף אזא אופן.
>>
>> בכל-אופן האט ער מיר געבעטן, אז ער האט מורא אז די ווערטער זאלן ארומגיין אין זיין נאמען, ווייל ער וויל נישט אז בלום אדער אנדערע זאלן זיין אויפגערעגט אויף אים, און ער ווייסט נישט וואס דער חיד"ו זאגט וועגן דעם וכו'...
>>
>> איך קען באשטיין אז אברהם דינקל זאל וויסן דערפון, אבער ביטע אים נישט שיקן די אימעיל פערזענליך, ווייל איך וויל נישט אז דאס זאל ארומפארן. איר קענט דאס אים איבערגעבן בעל-פה.
>>
>> (נ.ב. איך בין געווען מסופק צי איך זאל דיר שרייבן, צוליב די גאנצע מעשה פאריגע מאל איך בין דארט געווען - הגם איך ווייס ביי מיר אז איך האב גארנישט געטון שלעכט, אבער מען האט עס מאיזה סיבה ארויפגעלייגט אויף מיר. למעשה האב איך זיך מיישב געווען, אז ס'וועט גארנישט געשען אז איך וועל יא שרייבן וואס איך ווייס בנוגע דעם ענין, האב איך גענומען די שטארקקייט צו שרייבן.)
>>
>> בברכת ברכה והצלחה וכל טוב
>> שמואל פוקס

--
Please temporarily reply to hakosevmonsey@gmail.com

Thank you

**Michael Goldman** <michaelgoldman389@gmail.com>
To: Avrumid@gmail.com

Thu, May 14, 2026 at 10:56 AM

[Quoted text hidden]